**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/1/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון דיזעסטער ערהוילונג צענטער אין ראקלענד קאונטי נאכפאלגנדיג באשטעטיגונג פון אמענדמענט צו 'מעידזשער דיזעסטער' דעקלערציע

***ניו יארקערס אין ראקלענד קאונטי בארעכטיגט פאר אינדיווידיועלע הילף האבן איצט צוטריט צו סטעיט און פעדעראלע רעסאָרסן אין-פערסאן ביי נייע דיזעסטער ערהוילונגס צענטער***

***איינוואוינער קענען באקומען אנווייזונגען דירעקט פון FEMA און SBA איינגעשטעלטע ביי DRC; סטעיט אגענטורן זענען אויך אויפ'ן פלאץ פאר'ן זיך ווענדן פאר פראגראמען און סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער עפענונג פון א נייע דיזעסטער ערהוילונגס צענטער אין ראקלענד קאונטי וואס וועט גיבן אינפארמאציע און הילף פאר ניו יארקערס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די שטורעמעס און פלייצונגען אנגעברענגט דורך די איבערבלייבענישן פון האריקעין 'איידע'. דער נייער אין-פערסאן לאקאציע וועט פיגורירן דיזעסטער ערהוילונג ספעציאליסטן פון FEMA און דער יו-עס קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע וועלכע וועלן קענען ענטפערן פראגעס און צושטעלן אינפארמאציע וועגן די סארטן פעדעראלע הילף פאר וועלכע היים אייגנטימער, דינגער, און ביזנעס אייגנטימער קענען קוואליפיצירן נאכפאלגנדיג די 'מעידזשער דיזעסטער' דעקלעראציע אונטערגעשריבן דורך פרעזידענטביידען אום סעפטעמבער 5, 2021.

"ראקלענד קאונטי איז געווען איינע פון די ערטער די שווערסטע באטראפן דורך האריקעין 'איידע', און עפענען נאך א דיזעסטער ערהוילונג צענטער וועט ברענגען הילף פאר וואוינונגען און ביזנעסער וואס דארפן עס האבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל דאנקען FEMA אדמיניסטראטארין דיענע קריסוועל און איר טיעמ'ס באמיאונגען אין מיטארבעטן מיט דער סטעיט דיוויזיע פון הײמלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס אונז צו ערמעגליכן צו באקומען אינפארמאציע און רעסאָרסן צו די פאמיליעס וואס זענען די מערסטע באטראפן געווארן."

ראקלענד קאונטי איז לעצטנס באשטעטיגט געווארן צוגעלייגט צו ווערן צו דער 'מעידזשער דיזעסטער' דעקלעראציע פאר סיי איינציגווייזע און סיי פובליק הילף. פערסאנאל פון סטעיט אגענטורן ווי דער אפיס פון מענטאל-העלט, דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס, דעפארטמענט אוו לעיבאר, און דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקלס וועט זיין צו באקומען ביי דער DRC צו באהעפטן בירגער וואס זענען באטראפן געווארן דורך 'איידע' מיט סטעיט פראגראמען אדער סערוויסעס וואס וועלן מעגליך זיין צו באקומען זיי צו העלפן אין זייער ערהוילונג.

**ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו עד דעי האט געזאגט,** "מיר דערמוטיגן איינוואוינער וואס דארפן הילף אויף זיך צו ווענדן פאר דיזעסטער הילף און געליטן שאדנס און פארלוסטן פון האריקעין 'איידע' צו באזוכן דעם DRC ווי שנעלער מעגליך. מיין דאנקבארשאפט צו FEMA, ניו יארק סטעיט, דער טאון אָוו אראנדזשטאון און דער אראנדזשטאון מעטרא ספארט קלוב פאר העלפן צו פארזיכערן דעם צוגענגליכע לאקאציע."

דער ראקלענד קאונטי DRC עפנט זיך פרייטאג אום 1 נאכמיטאג, און וועט זיין אפן טעגליך פון 8 אינדערפרי ביז 7 אוונט, אויף:
אראנדזשטאון סאַקער קאמפלעקס געביידע
175 Old Orangeburg Road
10962 Orangeburg, NY

דיזעסטער ערהוילונגס צענטערס זענען איצט אפן פון 8 אינדערפרי צו 7 אוונט טעגליך אויף:

- Medgar Evers College - 231 Crown Street, Brooklyn, Medgar Evers College - 231 Crown Street, Brooklyn, NY 11225
- Queens College, Student Union - 152-45 Melbourne Ave, Flushing, NY 11367
- Hostos Community College - 450 Grand Concourse, E. Building C, Bronx, NY 10451
- Grinton I. Will Library - 1500 Central Park Ave, Yonkers, NY 10710
- College of Staten Island, Gymnasium Building R1 - 2800 Victory Blvd., Staten Island, NY 10314
- Michael J. Tully Park Physical Activity Center - 1801 Evergreen Ave, New Hyde Park, NY 11040
- Rose Caracappa Senior Center - 739 NY-25A, Mt Sinai, NY 11768

גאווערנער האקול האט פריער אנאנסירט דאס אנהייבן פון א נייע אנליין רעסורס צענטער פאר אפעקטירטע ניו יארקערס, צו געפונען ביי ny.gov/ida. דער צענטער גיבט אינפארמאציע אויף וועלכע הילף פראגראמען זענען פארהאן און וואו צו געפונען סערוויסעס ווי שיך-ערטער און צוטריט צו עסנווארג. די אינפארמאציע אויף דער וועבזייטל וועט ווערן דערפרישט אזוי ווי מער רעסורסן פאר ניו יארקערס ווערן אהערגעשטעלט.

איבערלעבער וואס זוכן צו האבן רעמאָוט צוטריט קענען זיך רעגיסטרירן מיט FEMA ניצנדיג דער FEMA עפ, אנליין ביי www.disasterassistance.gov אדער דורך רופן 800-621-3362. מענטשן וועלכע האבן א רעדן אדער הערן דיסאביליטי און ניצן TTY זאלן רופן 800-462-7585 דירעקט. די וועלכע ניצן 711 אדער ווידעאו רילעי סערוויס קענען רופן 800-621-3362. די טאָל-פרי נומערן אפערירן פון 7 אינדערפרי ביז 11 ביינאכט (לאקאלע צייט) זיבן טעג א וואך ביז ווייטערדיגע מודעות. אפערעיטערס רעדן מערערע שפראכן. די וועלכע ניצן א רילעי סערוויס ווי צ.ב.ש. א ווידעאו-פאן, 'אינאָ-קעפשען', אדער 'קעפ-טעל' זאלן אפדעיט'ען FEMA מיט זייערע ספעציפישע נומערן צוגעטיילט צו דער סערוויס. אויב איר דארפט צופאסונגען פאר שפראך אדער א דיסאביליטי, לאזט וויסן דעם אפערעיטער.

פאר נאך אנליין רעסורסן, ווי אויך צו דאונלאד'ען FEMA בוכלעך און אנדערע הילף, באזוכט www.disasterassistance.gov און דרוקט "אינפארמאציע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן